בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב' פ' תזריע | כ"ב אדר ב' | תשע"א | פסחים: ע"ב.

## באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק העעל"ט איז דער רבי שליט"א ארייגעקומען צום טיש אינאיינעם מיט די בחורי חמד ארום 20 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן. מיט כל מקדש איז מכובד געווארן הרה"ג ר' מנחם זאב שטערן שליט"א מו"ץ בקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג, מיט מנוחה ושמחה איז מכובד געווארן מוה"ר אהרן סאמעט הי"ו פון ירושלים עיה"ק.

ביי די תורה האט זיך די רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן מדרש "וידום אהרן מאי הול"ל וביום השמיני ימול בשר ערלתו", און אויסגעטייטשט בדרך דרוש אינעם צו ענין צו ס'העלפט שליחות ביי א בן נח.

מיט קה אכסוף איז מכובד געווארן מוה"ר שלום יצחק ב"ר עזריאל שעהר הי"ו פון לאנדאן, מיט קה רבון איז מכובד געווארן מוה"ר אלעזר קליינבערגער הי"ו פון וויליאמסבורג, און מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען חדב"ן הר"ר יוסף רוקח שליט"א.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק דער ר"ר אלימלך מ'ליזענסק זי"ע וועמענס יארצייט עס איז געפאלן נעכטן – זונטאג העעל"ט. מיט אז ביום השביעי איז מכובד געווארן הר"ר אלטר קויפמאן שליט"א מנהל מוסד חכמת לב פון ירושלים עיה"ק.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך די רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק "זה הדבר אשר צוה ה' תעשו וירא אליכם כבוד ה'", און די מדרש זאגט "אותו יצה"ר תעבירו מלבבכם", און דער רבי שליט"א האט מאריך געווען בדברי התעוררות וועגן טבילה במקוה וואס דאס איז סגולה מען זאל נישט צוקומען צו א עבירה.

### בקודש פנימה

נעכטן - זונטאג אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר צבי אלימלך גליק הי"ו פון מאנטריאל, הב' בן מוה"ר חיים הערש שווארץ הי"ו פון וויליאמסבורג מנהל איחוד התלמידים, הב' בן מוה"ר רחמים שמואל באסול הי"ו, הב' בן מוה"ר יושע הערש גליק הי"ו פון וויליאמסבורג.

איידער מען האט זיך געשעלט דאווענען האט מען ברוב עם – בראשות פון רבי'ן שליט"א געזאגט די הייליגע תפילה פונעם גרויסן בעל הילולא הרה"ק דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע מיט א גרויס התעוררות.

אין די מיטאג שעה'ן איז דער רבי שליט"א געפאהרן אויף בארא פארק ווי דער רבי שליט"א האט באזוכט ביי עטליכע נגידים ותומכים וועלכע האבן מנדב געווען סכומים אדירים לטובת די הייליגע מוסדות יטב לב אין ארה"ק.

⁂

דער רבי שליט"א האט אויך מנחם געווען משפחת האבלים בני כ"ק אדמו"ר מ'נאסאד זצ"ל ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינער שמועס איבער'ן קשר פונעם נפטר ז"ל און רבותינו הק' זי"ע.

אויך האט דער רבי שליט"א מנחם אבל געווען ביי הרה"ג ר' אברהם לעפקאוויטש שליט"א ראה"כ בלעיקוואד ואחיו החשובים וועלכע זיצן אצינד שבעה נאך זייער פאטער ע"ה.

⁂

דאן האט דער רבי שליט"א אפגעשטאהט א ביקור גומלין ביי הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א ווי עס האט זיך פארמירט א שיינער שמועס בדברי תורה ובעניני קריאת השמות אנשים ונשים און נאך.

דערנאך האט דער רבי שליט"א באזוכט אין היכל הכולל דברי יואל אינמיטן לערנען ווי דער רבי שליט"א האט ארומשפאצירט צווישן די לומדי הכולל שפענדיג אן קענטיגע עונג ונחת רוח, און דאן איז דער רבי שליט"א אריבער צום בנין הישיבה קטנה ווי עס האט זיך איבערגעחזר'ט דאס זעלבע ווען דער רבי שליט"א איז פלוצלינג ערשינען אין ביהמ"ד בשעת די סדר הלימודים פון די בחורים און אזוי אויך זיך אומגעקוקט אין די כיתות ווי מען האט דאן געהאלטן אינמיטן פאהרלערנען.

⁂

שפעטער אין אווענט איז פאהרגעקומען א עלעגאנטער באנקעט לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק אינעם ביורא פון הרבני מוה"ר אלכנסדר לייבוש הירש הי"ו וועלכער איז אראנשירט געווארן דורך זיין פאטער הרה"ח המרומם מוה"ר מאיר הירש הי"ו מהנהלת הקהלה והמוסדות אין קרית יואל, וועלכער האט זיך אין די לעצטערע טעג אוועקגעגעבן בלו"נ צו שאפן ריזיגע סכומים פאר די מוסדות הק' אין ארה"ק זעהנדיג אז די הייליגע מוסדות זענען נוגע ללבו פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

ביי די מסיבה האבן זיך באטייליגט גערופענע נגידים ונדיבים בעם וועלכע האבן זיך אנגערופן מיט שיינע סכומים לטובת די מוסדות און עס איבערגעגבן לידיו הק' פון מרן רבינו שליט"א פערזענליך.

⁂

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ג' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר וואלף מענדלאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

⁂

היינט נאכמיטאג האט מרן רבינו שליט"א אנגעהויבן דאס "סוגיא פארלנערנען" אין היכל הישיבה גדולה – שיעור ב'. מען קען מיטהאלטן די שיעורים אויף קול סאטמאר.

⁂

אין די נאכמיטאג שעה'ן זענען די תלמידי המוסדות פון די עלטערע כיתות פון קרית יואל אריין אל הקודש פנימה ווי זיי האבן באקומען מטבעות פון רבי'ן אלס מתנה פאר'ן אריינברענגען שיינע סכומים פאר די מוסדות הק' אין די ימי הפורים העעל"ט.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**